# FROM GRANADA, SPAIN

**From a letter that accompanied Francisco A. Julio Giménez' (alum 95) questionnaire**

I think you'll remember me: I'm Francisco, that Spanish boy who participated in the *Zumer-program* in 1995. I have wonderful memories of my staying in New York that summer. Although I have tried to keep in touch with YIVO and some classmates, it's not an easy thing when you live in Spain and *unfortunately* you don't have many (any?) opportunities of practicing your dusty Yiddish.

That summer '95 was a real thing to me, from both the professional and personal point of view. It was the end of a stage and the beginning of a new life. After the Summer Course I worked hard on my Ph.D. on Bashevis Singer and last year I concluded my work and defended my thesis in the University of Granada. It was a successful experience and I kept a terrific memory of that day when the walls of the University of Granada heard about Yiddish words, Singer's work and the world of Yiddish. People told me I had successfully transmitted my love for Literature and my admiration for Yiddish culture. Now I'm very busy trying to publish my work on Singer, but the possibilities are limited.

In September I start working on the translation to Spanish from the English version of some of Singer's short stories which have never been translated in Spain. I am determined to keep on working on him and there is a lot to do... By the way, *Shadows on the Hudson* has recently been published in Spanish with a translation from the original Yiddish. It's the first time it happens in Spain. Previously, all Singer's work had been translated to Spanish from English versions.

6th of July, 2000

# FROM DOWN UNDER

Celina Koronczyk, a young Bundist from Melbourne, Australia, wrote the following in a letter to Yankl Salant:

Not so long ago, I had the pleasure of studying Yiddish at the Uriel Weinreich Program of Yiddish Language, Literature and Culture at Columbia University in New York. Not only was I surrounded by all elements of Yiddishkeit, but I was also surrounded by so many incredible people from all over the world, learning and teaching our mame-loshn - Yiddish! The course was wonderful, filled with diversity and variety, with so much to do and learn. The atmosphere itself, the energy all these Yiddish lovers created was amazing, too difficult for words to describe.

Another highlight was living in the *Yidish-hoyz* on campus with some of the other Yiddish students. We slept, ate, worked, cooked and even breathed in Yiddish. We had Yiddish music playing as we'd read Sholem Aleichem's plays or Manger's poems and helped one another with our *heymarbet*. We'd visit or be visited by our Yiddish neighbors. Overall, I had the time of my life and will carry this unforgettable memory with me forever. Long Live Yiddish!

*Khavershaft*,

Celina Koronczyk

# פֿון גראַנאַדאַ, שפּאַניע

**פֿון אַ בריוו פֿון פֿראַנסיסקאָ אַ. הוליאָ הימענעז (אַלומ' 95)**

אפֿשר געדענקט איר מיך. דאָס בין איך פֿראַנסיסקאָ, דער שפּאַנישער בחור וואָס האָט שטודירט אין 1995 אין דער זומער־פּראָגראַם. כ'געדענק זייער גוט דעם זומער אין ניו־יאָרק און ס'איז בײַ מיר געבליבן זייער אַ וואַרעם געפֿיל דערצו. כאָטש כ'האָב געפּרוּווט בלײַבן אין קאָנטאַקט מיטן ייִוואָ איז מיר שווער – אַז מע וווינט אין שפּאַניע האָט מען כּמעט נישט מיט וועמען צו רעדן קיין ייִדיש וואָרט.

דער זומער 1995 איז מיר געווען זייער וויכטיק, סײַ פּערזענלעך, סײַ פּראָפֿעסיאָנעל. ס'האָט זיך געענדיקט איין תּקופֿה פֿון מײַן לעבן און אָנגעהויבן אַ צווייטע. נאָכן זומערקורס האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט מײַן דיסערטאַציע וועגן באַשעוויסן און געאַרבעט זייער שווער. פֿאַר אַ יאָרן האָב איך זי פֿאַרענדיקט און אויסגעהאַלטן די פֿאַרטיידיקונג אינעם גראַנאַדער אוניווערסיטעט. ס'איז געווען אַ גרויסער סוקצעס און כ'האָב געשעפּט גרויס נחת, וואָס די מויערן פֿונעם אוניווערסיטעט האָבן געהערט רעדן וועגן ייִדיש בכלל און וועגן באַשעוויסעס ווערק בפֿרט. מע האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז כ'האָב איבערגעגעבן מײַן ליבשאַפֿט פֿאַר ליטעראַטור און פֿאַר דער ייִדישער קולטור. איצט וויל איך אַרויסגעבן מײַן אַרבעט וועגן באַשעוויסן, נאָר ס'קומט מיר אָן זייער שווער.

סעפּטעמבער וועל איך אָנהייבן אַרבעטן בײַם איבערזעצן פֿון ענגליש אויף שפּאַניש אַ צאָל דערציילונגען באַשעוויסעס וואָס זענען נאָך נישט אַרויס אין שפּאַניע. איך וויל זייער שטאַרק אַרבעטן בײַ דעם און ס'איז נאָך דאָ אַזוי פֿיל צו טאָן... אַגבֿ איז נאָר וואָס אַרויס שאָטנס אויפֿן האָדסאָן אויף שפּאַניש, איבערגעזעצט פֿונעם ייִדישן אָריגינאַל. ביז איצט האָט מען אין שפּאַניע איבערגעזעצט ייִדישע ווערק פֿון די ענגלישע איבערזעצונגען.

כ'קוק זייער אַרויס אויף אײַער בולעטין זומער אין ניו־יאָרק. ס'וועט זײַן זייער אַ גוטע געלעגנהייט, מיר זאָלן זיך קענען אַרויסזאָגן וועגן ייִדיש און בלײַבן ווײַטער אין קאָנטאַקט. כ'דערמאָן זיך מיט אַ שמייכל אין די פּאָר חדשים וואָס כ'האָב פֿאַרבראַכט אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, אין די סטודענטן וואָס כ'האָב זיך מיט זיי פֿאַרחבֿרט, אינעם באַקענען זיך מיט אַ נײַער קולטור און אין דער ליבשאַפֿט, וואָס די לערערס מיט די תּלמידים האָבן אַרויסגעוויזן איינער דעם אַנדערן.